# הכשרות

אינפארמאציע, ידיעות און הוראות
בכל ענייני כשרות המאכלים

CRC OF THE UNITED STATES AND CANADA

בהשגחת בי"ד המיוחד לענייני כשרות




2 סימנא מילתא היא


6 כשר'ע סכך פון מאראקא


8 נועם גלאט פלייש


11 א גרוס פון איטאליע


## דבר המערכת

# תחל שנה וברכותי'

### כנגד ארבע"ה דברה תורה

מיר טרעטן אצינד אריין אינעם נייעם יאר שנת תשע"ז לפ"ק הבעל"ט, וואס דער ערשטער חודש אויפ'ן אידישן לוח איז חודש תשרי. די חודש 'ירח האיתנים', איז א חודש ווען אידישע קינדער זענען מסובב במצוות, על פי רוב זענען די הייליגע מצוות ומנהגים אזעלכע וואס ברויכן האבן א הכשר, ווי צום ביישפיל: שופר, סימנים (וואס מען עסט ראש השנה ביינאכט), ד' מינים, סכך, אא"וו. אין די יעצטיגע טעג זענען אידן ספעציעל אפגעהיטן און מדקדק בקלה כבחמורה, ווי עס ווערט געברענגט אין שולחן ערוך (או"ח סימן תר"ב, ס"ב) אז אפילו די וואס איבער'ן יאר, עסן זיי פת פלטר פון א גוי, זאלן אין די טעג פון עשרת ימי תשובה יא נזהר זיין און עסן בלויז פון א איד, דעריבער טוען מיר מיט פארגעניגן צושטעלן פאר'ן ציבור אן אוצר פון גאר אינטערעסאנטע תוכנ'דיגע ארטיקלען, פול מיט אינפארמאציע און אנווייזונגען אויף אלע מצוות, וואס זענען אקטועל אין אט די טעג.

### ומלאת בו ארבע"ה טורים

א. צווישן אנדערע וועט איר ליינען די הערליכע באשרייבונג אינעם רובריק 'חדשות בעולם הכשרות', וואו עס ווערט דאסמאל

(פארזעצונג אויף זייט 4)



# סימנא מילתא היא

**צום בעפארשטייענדן יום טוב של ראש השנה, ווען אידן זענען זיך נוהג צו עסן די סימנים לסימנא טבא בליל ראש השנה, אויך בליל ב׳ ווען מען פירט זיך צו מאכן א שהחיינו אויף נייע פירות, איז א דבר בעתו מעורר זיין בנוגע די זהירות, וואס עס פאדערט זיך אויף די דברים הצריכים בדיקה.**

## קאפ פון א פיש



- **קארפ פיש:**

אין די קעפ פון **קארפ פיש**, טרעפט זיך אפט ווערים, אויפ׳ן קאפ אדערביים מויל. דעריבער דארף מען ריינិגן דעם קאפ **פאר׳ן קאכן**, אויף דעם פאלגענדן אופן:



1. **אוועקשניידן די מויל.**
2. **צעשניידן דעם קאפ אין העלפט** (אויף די לענג צווישן די צוויי אויגן), **גוט אויסוואשן די אויערן.**
3. **איינפרירן דעם קאפ אין פריזער.**
4. **נאכ׳ן ארויסנעמען פון פריזער, זאל מען דאס גוט אפשווענקן און גלייכצייטיג דערביי אָפּקראַצן דעם קאפ.**

- **ווילד סעלמאן:**



אין די קעפ פון די **גרויסע ווילד סעלמאן**, טרעפט זיך אפט ווערים אין קאפ, בעיקר אין מויל, דעריבער זאל מען ריינិגן דעם קאפ אויף דעם פאלגענדן אופן:

1. **זייער גוט אויסשווענקן מיט וואסער.**
2. **אפריינិגן יעדן ארט פון מויל, דורך ארומווישן מיט די פינגער אין אלע לעכער און שפאלטן, אינעווייניג און אינדרויסן.**



- **ווייט, פייק, מולעט, און בעיבי סעלמאן:**

האבן די קעפ נישט קיין ווערים.

## פייגן



- **פרישע:**

אין פרישע פייגן, קען זיך אין איינצעלנע פעלער געפונען דערין ווערים, (maggots), מערסטנס געפונען זיך די ווערים אינעווייניג צווישן די קליינע קערנדלעך, אויך אונטן אינעם עפענונג פונעם פייג.



עס איז ראטזאם בודק צו זיין ווי פאלגענד:

1. צושניידן די פייג אין האלב.
2. אוועקשניידן דעם אונטערשטן עפענונג פונעם פייג (די פארקערטע זייט פונעם העלצל) וואו מען קען נישט באקוקן.
3. ארויסוויקלן די אינווייניגסטע טייל פונעם פייג, אז די קערנדלעך זאלן ווערן צעשפרייט, דאן זאל מען עס זייער פארזיכטיג באקוקן.

- **געטרוקנטע:**



**געטרוקנטע פייגן זענען זייער ווערימדיג, די ווערים געפונען זיך אינעם פלייש פונעם פייג, צווישן די קערנדלעך, וואס מאכט דאס שווער צו באמערקן. דעריבער איז דא וואס האלטן זיך צוריק פון עסן געטרוקנטע פייגן.**

> **וויכטיג!** די ווערים זענען זייער שטארק ענליך צו די פעדעמער פונעם פייג, דארף מען זיין זייער פארזיכטיג ביים בודק זיין.

## טייטלען



- **פרישע:**

איז ריין פון ווערים.

- **געטרוקענטע פון קאליפארניע:**



זענען געווענליך ריין פון ווערים, מען איז נישט מחויב דאס צו באקוקן. פון דעסטוועגן, וויבאלד אין געוויסע פעלער טרעפן זיך דערין ווערים (לארווע, ביטלס), איז ראטזאם מען זאל זיי עפענען און קוקן אינעווייניג ביים פלאץ פונעם קערל, אויב ס׳איז דא א פארקלעבטע ווארים.

- **געטריקענטע פון אנדערע לענדער:**



זענען אפט ווערימ׳דיג, מען איז מחויב עס צו עפענען און באקוקן ביים פלאץ פונעם קערנדל, אויב ס׳איז דא א פארקלעיבטע ווארים.

- **געפרעסטע:**

זענען אפט ווערימ׳דיג, עס איז נישט מעגליך זיי צו באקוקן, דעריבער זאל מען דאס נישט נוצן.

(פארזעצונג אויף זייט 5)

# דבר הלכה

פסקי הלכות שנקבצו מתוך שיעורים הקבועים של הרב הגאון הצדיק המפורסם רבי **הילל ווינבערגער** שליט"א, אבד"ק סערדאהעלי, ודומ"ץ נייטרא, חבר "בי"ד המיוחד לעניני כשרות"

השיעורים מתקיימים תמידים כסדרן בלשכת 'התאחדות הרבנים' לפני המשגיחים החשובים במסגרת מחלקת הכשרות שע"י התאחה"ר, לדון ולברר דינים והלכות הנוגעים בכשרות המאכלים



## אופני יצירת בקבוקים העשויים מנייר עבה (Carton) ודיני פתיחתם בשב"ק ויו"ט




**א.** בענין פתיחת בקבוק קטנה של משקה (הנקרא Box Drink) אשר הוא קופסא של נייר עבה הסגור מכל הצדדים, ואופן פתיחתן הוא ע"י שתוחבין קש במקום המיועד אשר יש בו נקב המכוסה בנייר כסף אלומינע"ם, ותחיבת הקש לשם מנקבו, וכך שותין ממני, ויש מאחרוני זמנינו המתירים לפותחו ורוצין לדמותו לקריעת עור שעפ"י החבית וכדו' (המבואר בסי' שי"ד סעי' י"ב), ומדבריהם נראה שהן מדמין שהי' כבר חור במקום הזה ולכן אין בו משום עשיית פתח וכדו', אבל כפי שנבאר יש בזה חסרון ידיעה מהמציאות.

כי בעת ביקורינו בבית החרושת של המשקאות, נוכחנו לדעת כי אופן עשייתן הוא מנייר עבה המגיע לבית החרושת למלאות כשהוא עדיין נייר ואינו כלי כלל, והחור נעשה בתוך הנייר כשעדיין אינו כלי ואז מכסים אותו עם הנייר אלומינע"ם המכסה את כל הקרטון מבפנים, ורק אחר כך נעשה מזה כלי, ובגמר יצירת הכלי כבר אין כאן שום נקב, כי נסתם הנקב ע"י הנייר אלומינע"ם עוד קודם שהי' ע"ז שם כלי, ונמצא כי הקונה הרוצה לשתותו ע"י תחיבת קש עושה כאן פתח חדש שאסור לעשותו בשב"ק ויו"ט.

אולם יש שדנו היתר על הקופסאות הקטנים (Box Drink's - 6 oz.) שהדרך לשתותן בבת אחת ולזורקן אח"ז לאשפה, דיש לומר דדינם כחותלות וככלי מוסתקי דמותר לקורען כמבואר (שם, סעי' ח', ובשו"ע הרב סי"ח) ואכמ"ל.

**ב.** אמנם אותן קופסאות גדולים (אלו שמשתמשים עבור חלב שקדים וכדו' מהמין Tetra Pak) שדרך פתיחתן הוא, שכשפותחין את הפקק פלעסטי"ק בפעם הראשונה נחתך נקב עגול בתוך הנייר כסף אלומינע"ם מתחתיו, ואחרי פתיחתם מחזיקים בהם המשקה לימים רבים, אסור לפותחן בשב"ק ויו"ט, דכמבואר לעיל לא הי' במקום הזה שום נקב או חור לפני זה, כי כשממלאים המשקה לתוך הבקבוק ממלאים אותו מלמעלה ואחר כך נסגר הבקבוק, ואותו הפתח שפותח הקונה, הוא פתח חדש לגמרי ומאז שנעשה כלי לא היה מעולם פתוח במקום הזה, ולכן אסור לפותחו בשב"ק ויו"ט.

**ג.** בענין הבקבוקי אראנדז"ש דזשו"ס, אשר דרך פתיחתן הוא ע"י שמושכין וקורעין כמין טבעת של פלעסטי"ק, ובזה נפתח סתימה עגולה של פלעסטי"ק הנמצא בתוך מרזב קטן המתוקן בתוך הבקבוק, והנה באלו המציאות בעשיית הבקבוקים הוא, שיש כבר פתח -נקב פתוח- כשהוא כלי, ורק אחר כך מוסיפים הפלעסטי"ק לסותמו, ואותו הפלעסטיק יפתח הקונה כשירצה לשתות ולכן יש מקום לומר שהי' כבר פתח במקום הזה ונסתם רק לשעה ולכן דינו כמבואר בסי' שי"ד סעי' ב' וסעי' ג', דהי' בה נקב ונסתם מותר לפותחו, ואפילו אם אינו פותח בדיוק באותו מקום שהי' בו הנקב הראשון וכמבואר במשנ"ב סקט"ו, וכן בסקט"ז דבין שהנקב הראשון הי' גדול או קטן מותר לנקבו, ובלבד שלא ירחיבו ממה שהי' בתחילה, ולכאורה יש מקום לומר דמותר לפותחו בשב"ק ויו"ט.

אמנם עדיין יש לחוש ולאסור פתיחת בקבוקים אלו בשב"ק ויו"ט, דיתכן דמה שאמרו דמותר לפתוח נקב הנסתם "דמגופת חבית אינו חיבור" (שבת מ"ח ע"ב), זה דווקא במגופה שהודבקה על החבית על מנת שכשיפתחו אותה יסירו כל המגופה לגמרי, וע"כ באופן כזה נחשב שהמגופה הלז אינו חיבור להחבית, משא"כ פקק זו -ר"ל הפלעסטי"ק המחובר להבקבוק- הושם על הבקבוק ע"מ שישאר שם לעולם, אף לאחר שמסיר הטבעת, והפותחו עושה פתח חדש בתוך המגופה, ועוד יש לחוש דיש בו איסור משום מכה בפטיש, דכיון שהטבעת מחוברת לפקק הפלעסטי"ק נמצא דבהסרתה מתקן את הפקק ועושה אותו ראוי לשימוש, והאחרון הכביד דיש בזה משום עשיית מרזב, דע"י שמסיר הטבעת נעשה עי"ז מרזב קצר שמתוכו נשפך המשקה וכמבואר בסי' שי"ד סעי' ה' ובמשנ"ב סקכ"ה דאסור, וע"כ מכל הלין טעמא יש למנוע מלפותחם בשב"ק ויו"ט.

### היוצא לנו מכל זה:

**א.** דאותן בקבוקים מנייר עבה (הנקרא Tetra Pak), הבקבוקים הקטנים (של 6 oz וכדו') שהדרך לשתותן בבת אחת ולזורקן לאשפה תיכף, על אף שהשותה ממני עושה פתח חדש עדיין יש מקום להתיר, כיוון דדינו כחותלות דמותר.

**ב.** אבל הבקבוקים הגדולים שמחזיקים בהם המשקה למשך זמן, אסור לפותחן בשב"ק ויו"ט, ונכלל בזה כמה מינים אשר לכל אחד יש דרך ואופן פתיחה אחרת אבל הצד השווה שבכולן הוא, שלא הי' שום נקב או פתח מאז שנעשה כלי, ונמצא שהפותחו עושה פתח חדש שאסור לעשות בשב"ק ויו"ט.

**ג.** ובהבקבוקים של אראנדז"ש דזשו"ס (וכן יש כמה מיני דזשו"ס באלו הבקבוקים), אף שיש לומר דאין בו איסור עשיית פתח, כיון דכבר הי' פתוח במקום הזה מאז שנעשה כלי, אבל יש למנוע מלפותחו מדין מכה בפטיש ועשיית מרזב כמבואר.






א אראנדזש דזשוס באטל, וואס דער פתח איז אפן, מען לייגט נאר צו א דעקל







די Tetra Pak סארט באטל, וואס דער עפענונג איז פארמאכט, נאר מען לייגט צו א דעקל, וואס ווען מען עפנט עס ווערט א נייע עפענונג

(פאָרזעצונג פון זייט 1)

באהאנדלט די באקאנטע 'נועם גלאט פלייש', וואס זענען שוין ביז היינט באקאנט מיט זייער מהודר'דיגע טשיקן פלייש פון די "בוירדסבארא" פירמע אין פענסילוועניע, אונטער אונזער שטרענגע השגחה, לעצטנס האבן זיי זיך פארברייטערט מיט'ן צושטעלן בשר בהמה, אויך מיט אלע ספעציעלע הידורים און חומרות, אין צוגאב צו דער אויסערגעווענליכער קוואליטעט און געשמאק פון די פלייש.

דער פראצעדור פון די שחיטה קומט פאר אינעם ווייטן אורוגוויי, אבער דורכ'ן ליינען דעם העכסט אינפארמאטיוון ארטיקל וועלן אידן מדקדקים בכשרות האבן די געלעגנהייט זיך צו באקענען פונדערנאנט מיט דעם געשמאקן און מהודר'דיגן פלייש, וואס איר וועט ארויפברענגען אויף אייער יום-טוב'דיגן טיש, ואין שמחה אלא בבשר.

ב. אין א באזונדערן ווינקל ברענגען מיר וואס איז נוגע צו וויסן הלכה למעשה, וויאזוי זיך אומצוגיין ביים עפענען אום שבת קודש פארשידענע פלעשער געטראנקען, כדי מען זאל חלילה נישט נכשל ווערן אומוויסנדיג אין חילול שבת. ווי אויך קלארע אנווייזונגען און בירורי הלכה, וויאזוי עס איז דער ריכטיגער וועג צו עפענען "באקס דרינקס" א.ד.ג.

ג. אינערהאלב דעם אויסגאבע, וועט איר אויך געפינען א דעטאלירטע ליסטע פון נייע פירמעס און געשעפטן, וועלכע פיגורירן מיט שטאלץ אונטער אונזער השגחה מעולה, נאכקומענדיג דעם פארלאנג פון אירע קליענטן, זיי צו סערווירן מיט די בעסטע השגחה אויפ'ן מארקעט, כדי אידן פון אלע שיכטן און קרייזן זאלן זיי קענען אריינברענגען אין שטוב מיט א זיכערקייט, אז עס איז אויסגעהאלטן הונדערט פראצענט אן קיין שום חששות.

ד. באזונדער האבן מיר קובע געווען א מקום מיוחד אינעם גליון, ווי איר קענט זען א ליסטע פון אלע סוחרי ארבע מינים, וואס פארקויפן זייער סחורה מיט אונזער שטרענגער השגחה, סיי די האלסעיל און סיי די ריטעיל סוחרים, אזוי ארום וועלן די ליינער פון אלע געגענטער האבן א ברייטן אויסוואל וואו זיך איינצוהאנדלן די ארבע מינים בכשרות ובהידור מיטן חותם הבי"ד.

### וסימנך ארבע"ה

די ערשטע נאכט פון דעם נייעם יאר זיצן אלע אידן ביים טיש מיט די קינדער ארומגענומען, מען עסט פארשידענע סימנים וועלכע חז"ל ברענגען אז זיי ציילן אויף א גוט געבענטשט לעכטיג זיס יאר. דאס זעלבע חזר'ט זיך איבער די צווייטע נאכט ווען מען עסט פירות צו קענען מאכן א שהחיינו. אלע פון זיי, אנגעהויבן פון די פיש און געענדיגט ביי די פייגן, האבן אין זיך פארשידענע שאלות און חששות, וואס אויב א גאנץ יאר זענען מיר מדקדק און גיבן אכט אויף וואס מיר נעמען אריין אין מויל, על אחת כמה וכמה אין אזא הייליגן טאג, ווען מיר שטייען מיט פארכט אריבערצוגיין תחת שבטו פונעם יוצר כל להפקד ולהזכר.

דעריבער, 'ישראל קדושים הם נתבעים', ערליכע אידן פאדערן אז זיי ווילן וויסן את המעשה אשר יעשון, מיר פון אונזער זייט זענען 'ונותנים'. אין אט דער כשרות אפטיילונג, טוען מיר קלאר שטעלן נויטיגע אינפארמאציע און גענויע אנווייזונגען אויף אלע עסנווארג, וואס מען פירט זיך צו עסן אין די הייליגע טעג. זעט אן אויספירליכן באריכט אינעם קאלום "סימנא מילתא היא". ליינט און האט הנאה.

### ארב"ע מינים

צווישן די שורות פונעם גליון, וועט איר באגעגענען א באלערנדן שמועס וואס די מערכת האט אפגעהאלטן מיט איינעם פון די חשוב'ע לאנגיעריגע משגיחי הכשרות, וועלכער האט זיך נארוואס צוריקגעקערט פון ווייטן איטאליע, וואו ער האט געוויילט דורכאויס די זומער וואכן צו באגלייטן פון דער נאנט די וואוקס און שניט אין די פרדסים וואו עס ווערט פראדוצירט דער באקאנטער "יאנאווער אתרוג".

דער שמועס אנטהאלט פיל רייכע ידיעות פון דעם הלכה'דיגן שטאנדפונקט, באגלייט מיט מערקווירדיגע אינפארמאציע איבער דעם גאנצן פראצעדור און הלך ילך, אנגעהויבן פון ווען מען פלאנצט איין די אתרוגים, ביז ווען איר שטייט איבערגעבויגן העכער זיי מיט דעם פארגרעסערונג גלאז צו זען דעם ריינעם פרי עץ הדר, אין איר פולן פראכט.

### ארב"ע דפנות מסככות

גאר אינטערעסאנט איז זיך צו באקענען מיט די ערשטהאנטיגע אינפארמאציע, וואס איז איבערגעגעבן געווארן דורך די פאבריצירער פון די בארימטע 'סכך המסוכך', וואס ווערט געמאכט אין מאראקא, און ווערט פארקויפט אלוועלטליך וואו אימער עס געפינט זיך א הייפעלע אידן וואס שטעלן אויף א סוכה. די בארימטע 'סכך המסוכך' ווערט געמאכט אונטער אונזער השגחה.

פאר מאנכע קען זיך דאכטן אז סכך איז די וויניגסטע קאמפליצירט, ווען עס קומט צו כשרות, עס קענען נישט זיין קיין גרויסע חששות דערויף, אבער ווען איר וועט דורכבלעטערן דעם גליון, און מיטהאלטן דעם פראצעדור פון פלעכטן די סכך ביז עס באדעקט אייער סוכה, וויאזוי מען פארזיכערט אלעס זאל זיין אויסגעהאלטן הונדערט פראצענט כדי עס זאל זיין א כשר'ע סוכה, וועט איר באקומען א פרישן בליק אויף די גאנצע מסכתא.

### ארבע"ה צריכין להודות

מיט התרגשות'דיגע געפילן טרעטן מיר אריין אינעם פערטן גליון בשעה טובה ומוצלחת. מיר לויבן און דאנקען דעם בורא כל עולמים, אויפ'ן עבר, אז דער גליון האט ברוך השם זיך ערווארבן א גאר גוטן נאמען אין דער אידישער וועלט צווישן אידן המדקדקים בכשרות פון אלע שיכטן און קרייזן, און עס איז ארויף על שולחן מלכים מאן מלכי רבנן. מען זעט באשיינפערליך ווי אידן זענען מדקדק אויף כשרות המאכלים, דאס מערסטע וואס נאר שייך, ווען פון איבעראל קומען די נאכאנאנדע פארלאנגען, אז מען זאל ערשיינען מיט'ן פראכטפולן אינהאלטסרייכן גליון מער אפט. גלייכצייטיג בעטן מיר א תפלה אויף ווייטער, כן יעזור ה' להלאה, צו קענען סערווירן דעם חשוב'ן ציבור וואס זענען דורשטיג נאך ריינע ליין מאטעריאל געשריבן אויף א הויכער ניוואו, פול מיט אינפארמאטיווע ארטיקלען אינעם געביט פון כשרות.

שטייענדיג ביים שוועל פונעם נייעם יאר הבעל"ט, צייכענען מיר אפ אסאך יארן כולן שוין לטובה זינט דער פרעסטיזשפולער כשרות סימבאל פון 'התאחדות הרבנים' פיגורירט אויף מאכלים אין די געשעפטן. בלויז דער פאקט אז דער ועד הכשרות שטייט על המשמר, אז אידן אומעטום זאלן קענען עסן מאכלים אויפ'ן העכסטן סטאנדארט אין כשרות אן די מינדעסטע חששות, ווערט פארצייכנט אין דער אידישער היסטאריע מיט גאלדענע אותיות, אלס די פראמינענטסטע כשרות פארוואלטונג, אונטער דער קערפערשאפט פון גדולי ישראל רבותינו הגאונים הצדיקים המפורסמים מאורי הגולה, מיר האפן ממשיך צו זיין צו דינען און סערווירן די ציבור החשוב דאס בעסטע וואס איז שייך, ביז משיח'ס טאג במהרה בימינו אמן.

**א כשר'ן יו"ט און א כתיבה וחתימה טובה ושנה טובה ומבורכת**



# סימנא מילתא היא

(פארזעצונג פון זייט 2)



### עפל

איז בחזקת נקי, מען דארף נאר אפשיילן די שאלעכץ.



### מילגרוימען

זענען בדרך כלל בחזקת נקי. עס איז גוט צו באטראכטן אויב עס איז פארהאן א לאָך אין די דרויסנדיגע שאלעכץ, וואס איז א סימן אז א ווערימעל האט זיך איינגעגעסן.



### מייערן

איז בחזקת נקי.



### האניג

איז בחזקת נקי.



### קרא, רוביה, סילקא און כרתי

אין שו"ע (או"ח תקפ"ג א') ווערט געברענגט דער מנהג צו עסן די סימנים, קרא, רוביה, סילקא, און כרתי. ווי מבואר אין מסכת כריתות דף ו' ע"א: אמר אביי: השתא דאמרת 'סימנא - מילתא היא', יהא רגיל איניש למיכל ריש שתא: קרא ורוביא, כרתי, סילקא ותמרי.





עטליכע פון די מאכלים דארף מען בודק זיין פון תולעים. (צוליב דעם וואס דאהי אין אמעריקע איז סייווי נישט נהוג צו עסן די סימנים, לאזן מיר ארויס די פונקטליכע אינסטרוקציעס וויאזוי דאס צו באקוקן פון ווערים.)



### פירות ארץ ישראל



אין אלגעמיין דארף מען האבן א זהירות ווען מען קויפט אין גרויסע געשעפטן, נישט צו קויפן קיין פירות וואס קען קומען פון ארץ ישראל. אזעלכע פירות קענען אנטהאלטן הארבע פראבלעמען פון טבל, ערלה, תרומות ומעשרות, א.ד.ג.

## לשנה טובה ומתוקה

# שואלין ודורשין

שאלות בעניני כשרות
וואס איז אריינגעקומען
אין די רעדאקציע



### זענען פאפיטעס Sunflower Seeds ווערעמדיג?

עס קען זיך טרעפן דערין ווערים, איבערהויפט אצינד נאך דעם זומער סעזאן, ווען עס מאכט זיך מער אפט. דעריבער איז ראטזאם מען זאל אלעמאל באקוקן עטליכע פון יעדן שאכטל, צו פארזיכערן אז עס איז ריין.

בדרך אגב, עס איז פארהאן אזעלכע פאפיטעס, וואס ווערט אימפארטירט פון ארץ ישראל, וואס (אויב האט עס נישט קיין פארלעסליכע השגחה) איז דא דערביי חששות פון פארשידענע הארבע איסורים, ווי: ערלה, טבל, און שמיטה. זאל מען נזהר זיין - איבערהויפט ווען מען קויפט עס אין גרויש געשעפטן אויב עס שטייט Product of Israel.



### אגב וואס טוט זיך מיט פאפקארן סידס?

זיי זענען געווענליך ריין פון ווערים. אבער פונקט ווי אלע אנדערע "seeds", אויב ליגט דאס א לענגערע צייט אויף א ווארעם פלאץ, קען דאס ווערן ווערימדיג. דאס קען מען גרינג דערקענען דורך אויסלייגן אויף א ווייסע טעלער, אדער פאפיר, און דורך קוקן.



### ס'איז פארהאן א שמועה אז פון די 'סארדינס פיש' מעג מען עסן נאר די Skinless & Boneless, איז דאס ריכטיג?

ביי די סארדינס פיש וועלכע ווערן פארקויפט בהשגחת **"ביד"ד המיוחד לעניני כשרות"** שע"י התאחדות הרבנים, איז נישט פארהאן קיין שום אונטערשייד צווישן סיי וועלכע סארט פון די פיש, אלע ווערן גוט אויסגערייניגט בפיקוח מלאה פון אונזערע משגיחים מומחים. די געדערים פון יעדע פיש ווערט גענצליך ארויסגענומען, און פארזיכערט אז עס בלייבט נישט איבער קיין חשש פון די טריפה'נע "krill" פיש.

די שמועה נעמט זיך פון דעם, וואס מיט א צייט צוריק האט מען געפונען ביי פארשידענע פירמע'ס וואס ברענגען די פיש פון פארטוגאל, אז אין די געדערים פון די "סארדינס", האט זיך געהאדעוועט א סארט טריפה'נע פיש וואס הייסט "קריל" "krill". דערפאר איז טאקע וויכטיג צו קויפן די פיש נאר מיט א גוטע השגחה. ווי ערווענט, די סארדינס פושקעס וועלכע ווערן פארקויפט אונטער די השגחה פונעם **"ביד"ד המיוחד לעניני כשרות"**, ווערן גרונטליך באקוקט און גערייניגט, אזוי אז עס איז נישט פארהאן קיין חילוק צווישן די מיט ביינער, און הויט, און די אנדערע. ויאכלו ענוים וישבעו.

### מעג מען נוצן פלעיווארד קוילן (flavored charcoal briquettes) פאר א "גריל"?



באופן כללי זאל מען נישט נוצן קוילן מיט סיי וועלכע סארט פלעיווארס. די אלע סארט קוילן קען אנטהאלטן ערנסטע שאלות פון דברים אסורים. הגם די קוילן רירן טאקע נישט אן די עסן אבער די רויעך גיט אריין א טעם כאיסור אין די פלייש.

באזונדער איז דא א הארבע חשש ביי קוילן, וואס קענען האבן איינגעזאפטע ווין פלעיווארס. ווין האט נאך א פראבלעם, צוליב דעם וואס איסער די חשש צו עסן, טאר מען אויך נישט קיין הנאה האבן דערפון, ווי די הלכה איז יין נסך איז אסור בהנאה.

די קוילן אן פלעיווארס האבן נישט קיין חשש, מען קען דאס נוצן.

שיקט אייערע אנפראגעס איבער אלע כשרות אנגעלעגנהייטן צו די שואלין ודורשין רובריק
Fax: 718.486.5574 • Tel: 718.412.8532 • E-mail: Hakashrus@gmail.com



# כשר'ע סכך פון מאראקא

**שוין מערערע יארן וואס מען נוצט שטרויענע האלץ פאר סכך, אבער צי איז די סכך אלעמאל כשר? וואס געשעט ווען א גוי כאפט א דרימל אויף די סכך? פארוואס איז שפיציגע און בערגיגע סכך אן אויסוועג? און וועלכער סארט שטריק נוצט מען צוזאמענצוהאלטן די סכך?**

**ליינט איבער די מערערע הידורים אין סכך, וואס מען לייגט אריין אין די 'סכך המסוכך', עס זאל זיין כשר וישר, און אויך מהודר און צוגענגליך**

דער הייליגער יום טוב סוכות איז שוין אנגעקומען. די גאסן ווירבלען מיט הונדערטער אידן וואס גרייטן זיך צום הייליגן יום טוב מיט א הכנה דרבה, און רישן איין די שטובער מיט אלע הידורים און מצוות החג אז דער יום טוב זאל זיין אהערגעשטעלט אויפ'ן בעסטן און שענסטן פארנעם.

אויך די סוכה שטייט שוין על תילה. די ווענט זענען שוין באקלעיבט מיט ליילעכער און שיינע בילדער, און מען האלט ביים ארויפלייגן די סכך.

אן סכך איז די סוכה נישט קיין כשר'ע סוכה! דאס ווייסט יעדער איינער, אבער אויבנאויף זעט אויס סכך צו זיין די כשר'סטע זאך אין די וועלט.

אין א שמועס מיט די פאבריצירער פון די 'סכך המסוכך', הערן מיר ערשטהאנטיגע אינפארמאציע איבער די סכך, און איר פארצווייגטקייט אין כשרות.

"אונזער סכך מאכט מיט א לאנגער וועג פון דעם מוסלמענישער זאמדיגער מאראקא ביז קיין אמעריקע. די משגיחים באזוכן אין מאראקא, און באגלייטן דער סכך פון ווען עס ווערט פראדוצירט, ביז צום לעצטן שטאפל, ווען ער שטייט שוין אין די געשעפטן צו פארקויפן". זאגט אונז הרב זלמן ליב רובין שליט"א, דער זוהן פון הרב מאיר יוסף שליט"א, ווער עס איז געווען דער ערפינדער פון די "סכך המסוכך" פאטענט פון מאראקא.

## פון מאראקאנער אתרוגים ביז סכך

"אלעס האט זיך אנגעהויבן נאכדעם וואס מיר פלעגן סייוויי זיין אין מאראקא וועגן אתרוגים, און מיר האבן זיך צוגעקוקט ווי די מאראקאנער גוים זיצן און פלעכטן די שטרוי שטעקענעס, און מאכן דערפון בענקלעך צו זיצן.

עס קען זיין אז ווען אן אמעריקאנער גוי וואלט געקומען דארט אויף א באזוך, וואלט ער געשטאנען מיט וואונדער, זיך צוגעקוקט וואס פלעכט זיך דא, אבער מיר האבן שוין געקענט דעם באגריף פון שטרוי שטעקענעס פון חז"ל און ווי עס ווערט אנגערופן אין די לשון הגמרא 'מחצלת'.

א "מחצלת" טייטש א גלאטע שטיק שטרוי, וואס איז געפלאכטן געווארן צו נוצן ווי א צודעק, אדער א בענקל צו זיצן". דערציילט דער סוחר.

די דינע שיכט שטרוי ווערט גענוצט צו לייגן אויף די ערד, אז ארבעטער זאלן נישט דארפן זיצן אויף די אומריינע ערד, נאר קענען זיצן אויף עפעס, וואס טיילט אפ צווישן די ערד און דעם מענטש וואס זיצט דערויף.

עס ווערט אויך גענוצט ווי א געלעגער צו שלאפן דערויף, אדער ווען מען וויל זיך אראפלייגן אונטער די זון, די ערד איז הארט און פול מיט שטיינער, דאס זיצן אויף די ערד איז נישט באקוועם, לייגט מען אונטער א 'מחצלת' וואס מאכט באקוועמער און געשמאקער דער פאדלאגע.

ווי מיר הערן פון דעם סוחר, וואס ער האט שוין מערערע מאל באזוכט אויפ'ן ארט, ווען די מאראקאנער גוים נוצן די שטרוי אויף צו פלעכטן פון דעם די דערמאנטע מחצלת'ער, און מיט זיינע אויגן האט ער שוין בייגעוואוינט מערערע פעלער ווי גוים נאך א שווערער טאג ארבעט וועלן נוצן די שטרויענע ליילעכער, זיך אויסצולייגן אויף די ערד צו כאפן דערויף א דרימעל, אדער גאר פאר א בענקל צו זיצן דערויף, נישט צו דארפן זיצן אויפ'ן זאמדיגן פארשטיינערטע ערד.

## דער געדאנק צו מאכן סכך פון שטרוי ווערט געבוירן

"אונזערע באזוכן אין מאראקא איז געווען בעיקר צוליב אתרוגים און זייענדיג דארט אין די ווייטע פעלדער, האבן מיר כסדר געזען ווי די גוים זיצן אויף די סארט מחצלת'ער, אבער זייענדיג ארייגעטאן אין די אתרוגים האבן מיר נישט אינאכט גענומען אז די סארט קען זיין גוט צוגעאייגענט צו דינען פאר סכך צו צודעקן די סוכה". שילדערט ווייטער דער סוחר.

איינמאל ביי אונזערע באזוכן, האט אונז א חבר מעורר געווען דעם געדאנק, אז עס וואלט געווען א געלונגענער בייפאל איינצופעדימען די סארט שטרויענע כלים פאר סכך. דער געדאנק האט אונז געפאלן, אבער מיר האבן ערשט געוואלט הערן וואס פאדערט זיך פון א הלכה'דיגן שטאנדפונקט צו קענען אימפארטירן די סכך, מיר האבן זיך געוואנדן צו די רבנים פון "התאחדות הרבנים", ביי זיי אנגעפרעגט צו עס פעלט זיך אויס א הכשר אויף סכך.

צו פארשטיין די פרטים פון כשר'ע סכך, וועלן מיר שרייבן אין קורצן, די הלכות וואס זענען נוגע סכך.

אז סכך זאל זיין כשר, פאדערט זיך געציילטע תנאים, וואס עס דארף זיין, און אָן דעם איז דער סכך פסול.

עס איז דא דריי הויפט דינים' אז סכך זאל זיין כשר:

דער ערשטער דין איז' אז עס דארף זיין מן הצומח, דאס הייסט א זאך וואס וואקסט.

דער צווייטער דין איז, אז דער זאך וואס וואקסט, דארף זיין אפגעריסן פון די ערד [תלוש], און נישט באהאפטן [מחובר] צו איר.

דער דריטער דין איז, אז עס טאר נישט זיין א כלי וואס איז מקבל טומאה, אויך די כלים וואס מען נוצט צו צובינדן די סכך, זאל נישט זיין א מקבל טומאה, ווי די שטריק וואס באהעפטן די סכך איינס צו די אנדערע.

דער דריטער תנאי אז די סכך זאל נישט זיין געמאכט פון א מקבל טומאה, באגרעניצט אסאך סארטן האלץ, פון עס צונוצן אויף סכך, ווייל האלץ, איינמאל ער איז געווארן א כלי, און ער איז ראוי מקבל צו זיין עפעס, ווערט ער פסול צו זיין סכך.

אויבנאויף זעט זיך אויס אז די תנאים זענען גרינגע תנאים ווען עס רעדט זיך פון סכך. א סכך וועט אייביג זיין בלעטער, אדער העלצער און א שטיק האלץ איז א קלאץ, און ווילאנג ער איז נישט אויסגעארבעט געווארן צו זיין א בענקל, טיש, אדער א שטיקל פוירניטשער, איז ער נישט קיין כלי וואס קען האלטן

אין זיך עפעס און גערעכענט ווערן ווי א כלי, אבער ווען מיר זענען אריין אביסל טיפער אין די נושא, זענען מיר געוואויר געווארן אז עס איז מער קאמפלעצירט ווי געשריבן.

די ערשטער שאלה האט זיך אנגעהויבן מיט דעם פריער דערמאנטע מציאות, אז די מאראקאנער נוצן די שטרויענע מחצלת'ער, צו מאכן דערפון א געלעגער.

איינמאל ער איז געווען א געלעגער, גייט עס שוין אריין אין די שאלה פון א כלי, ווייל עס איז געמאכט ווי א בעט צו שלאפן, ווי דער לשון חז"ל איז 'עשוי לשכיבה', איז עס שוין נישט כשר פאר סכך.

מען קען אבער זיין פארזיכטיג, נוצן נאר אזעלכע שטרוי וואס מען האט קיינמאל נישט גענוצט פאר א בעט, אבער דא וועט זיך שוין פאדערן א השגחה, וואס זאל נאכגיין די גוים זיכער מאכן אז זיי בויען דעם סכך נאר פון אזעלכע שטרוי וואס זענען יעצט אפגעשניטן געווארן, און זענען נישט גענוצט געווארן אין דער פארגאנגענהייט.

דער שוועריגקייט איז א דאפעלטער: עס קען סיי זיין, אז מען זאל האבן גענוצט די שטרוי צו ליגן, בעפאר מען מאכט פון דעם סכך, אויך איז דא א מעגליכקייט אז דער גוי זאל נוצן די סכך פאר א געלעגער, נאכדעם וואס ער האט שוין געענדיגט די פאבריצירונג פון דעם סכך.

"ווער עס קען דער הלוך ילך דארט, ווייסט אז עס איז נישט קיין חשש רחוקה אז אן ארעמער מאראקאנער גוי זאל ברענגען זיין אלטער געלעגער צו פארקויפן פאר אפאר גראשן, אדער פארקערט, נאך א טאג שווערע ארבעט, זאל ער כאפן א דרימעל אויף די שטרויענע געלעגער'ס ווען ער ווייסט גארנישט דער שאדן וואס ער מאכט אן פאר דעם סוחר". שמועסט אויס דער סוחר.

## די שטארקע חומרות והידורים אויסגעארבעט דורך די חשובע רבנים שליט"א

איינמאל מיר האבן זיך באקענט מיט די אלע שאלות און שוועריגקייטן פון די שטרויענע סכך, עס איז קלאר געווארן אז מען קען נישט אבי אזוי קויפן סכך פון מאראקא, האבן מיר זיך באראטן מיט די רבנים הגאונים הצדיקים חברי **"בי"ד המיוחד לעניני כשרות"** וואס האבן אונז געגעבן הוראות אז די סכך זאל זיין בתכלית ההידור והכשרות.

דער ערשטער חשש, אז די גוים זאלן נישט אריינמישן גענוצטע געלעגער אין די סכך, איז געלעזט געווארן דורכדעם אז א משגיח קומט אנהייב פון די פראדוקציע, זיכער מאכן אז מען נעמט נאר פרישע שטרוי, אבער דער צווייטער חשש אז עס זאל זיך נישט פארגלוסטן פאר אן ארבעטער צו ווילן כאפן א דרימעל אויף די סכך, וואס טוען מיר, אז דער ארבעטער מאכט עס בגניבה, אדער ביינאכט ווען די שטח איז ליידיג, און וועגן דעם איז מען אויפגעקומען מיט מער א קראנטער לעזונג.

די עצה איז געווען אויסצושטעלן דעם סכך אזוי אז עס זאל נישט זיין ראוי צו שלאפן אויף דעם, און אפילו פאר ווען עס וועט זיך פארגלוסטן א דרימעל, וועט ער טראכטן צוויי מאל צי עס לוינט אים.

דער פאטענט וואס מען האט געטראפן איז געווען צו מאכן די סכך שפיציג און בערגיג, אזוי אז אויב איינער טראכט נאר פון זיך אראפלייגן אויף דעם, וועט ער זיך טרעפן מיט אן אומגראדער געלעגער, און ער וועט אויך מורא האבן אז ער וועט ווערן צושטאכן פון די שפיצן.

מיט דעם האבן מיר מונע געווען די שאלה פון עשוי לשכיבה, דער סכך ווערט ב"ה געמאכט כשר וישר למהדרין מן המהדרין.

אבער האלט! דאס איז נאכנישט אלעס. די השגחה האט זיך אויך געמוזט ספראווענען מיט די שטריק וואס בינדט צו די סכך איין שטיקל צום צווייטן.

ווי געשמועסט, דארף דער שטריק אויך זיין געמאכט פון א כלי וואס איז נישט מקבל טומאה, וואס דאס איז א הידור לויט געוויסע שיטות, אז דער שטריק זאל זיין געמאכט פון דעם זעלבן מין ווי די סכך, און דאס איז אויך ערמעגליכט געווארן אז די שטריק וואס בינדט צוזאם די סכך איז געמאכט אויך פון שטרוי.

דער משגיח וואס קומט דארט באזוכן מאכט זיכער אז די שטריק איז ממין הסכך כשר.

ווען אלע חששות און הידורים איז שוין געווען איינגעפעדימט, איז דער פראיעקט אריין אין שוואונג, כלל ישראל האט זוכה געווען צו ערשטקלאסיגע כשר'ע און מהדודר'יגע סכך, מקיים צו זיין די מצוה פון 'בסוכות תשבון' בתכלית ההידור והשלימות.

(תשואת חן לידידינו היקר הרב החסיד בנש"ק מוה"ר מאיר יוסף רובין שליט"א שעשה הכל לפי הוראות הרבנים הגאונים הצדיקים שליט"א חברי "בי"ד המיוחד לעניני כשרות")


דער משגיח איז עומד על המשמר אין די פעלדער


די אייזלען ברענגען די פריש געשניטענע קנים


ביי די ארבעט, עס ווערט געפלאכטן


דער שטריק ווערט געמאכט ממין הסכך


פערטיגע מחצלת סכך גרייט צו ווערן אפגעשיקט קיין אמעריקא למהדרין מן המהדרין



# נועם גלאט פלייש

## א חידוש אין די רינדערן פלייש אינדוסטריע מיט די בעסטע, געזונטסטע און כשר'סטע פלייש.

מיט גרויס שמחה נעמען אויף אידן המדקדקים בכשרות די לעצטע נייעס איבער די שחיטה פון בהמה פלייש, דורך די באקאנטע פירמע "בירדסבארא", צוגעשטעלט מיטן מהודר'דיגסטן אופן, אונטער די שטרענגע השגחה פון "בי"ד המיוחד לעניני כשרות" שע"י התאחדות הרבנים.

כשרות הבשר איז די הויפט זאך וואס ליגט אויף די מחשבה פון יראי השם מהדרין בכשרות. ווען א איד נעמט א שטיקל פלייש אין מויל, וויל ער זיין זיכער אז דאס איז די מערסטע אויסגעהאלטן בתכלית הכשרות, אזוי אויך אז די פלייש איז א גוטע קוואליטעט, געזונט, נארהאפטיג, און איז פראדוצירט געווארן לויט די העכסטע ריינקייט אין זיכערהייט סטאנדארטן.

די בארימטע "נועם גלאט פלייש" פירמע, וואס איז שוין בארימט מיט זייער מהודר'דיגע טשיקן פלייש פון די "בירדסבארא" פירמע אין פענסילווועניע, אונטער די שטרענגע השגחה פון "בי"ד המיוחד לעניני כשרות" פון התאחדות הרבנים, האט אין די לעצטע תקופה זיך אויסגעברייטערט, און אריינגעשפאנט אין די ליין פון בשר בהמה, מיט געוואלדיגע מעלות, הידורים, וואס מאכט די פלייש גאר אויסגעהאלטן, געשמאק און געזונט.

"נועם גלאט פלייש", איז די פירמע וואס שטייט אויף די סאמע העכסטע סטאנדארטן פון כשרות און קוואליטי. באקאנט אלס די בית השחיטה וואס האט זוכה געווען אהערצושטעלן מערערע הידורים אין כשרות העופות, און אצינד אויך בכשרות בשר בהמה.

### מען גרייט אן א ריזן בית השחיטה

אין די ליין פון בהמה פלייש איז פארהאן א מאנגל, נאכדעם ווי עס ווערט שווערער און שווערער צו שעכטן כשר בהמה פלייש אין די פאראייניגטע שטאטן, דעריבער האבן די אייגענטימער פון "נועם גלאט פלייש" וועלכע זענען גרויסע מומחים אין קוואליטעט פון פלייש, געזונטהייט און כשרות, אונטערגענומען א ריזן מיסיע, צו צושטעלן די מערסטע מהודר'דיגע בהמה פלייש, גע'שחט'ן אין די ווייטע אורוגוואי.

אנצוהייבן אזא ריזיגע פראיעקט אין א ווייטע לאנד, איז בכלל נישט גרינג און פשוט, דאס נעמט שוין אריין חדשים לאנג פון פיבערהאפטיגע הכנות. אין די פארלאפענע זומער וואכן זענען געפארן קיין אורוגוואי א גרעסערע דעלעגאציע פון שוחטים, בודקים, א וועטערינער דאקטאר, און מומחים אויף געזונטהייט, אין שפיץ פון די רבנים הגאונים הצדיקים חברי "**בי"ד המיוחד לעניני כשרות**", הגה"צ אבד"ק **סערדאהעלי** שליט"א, אין כ"ק אדמו"ר **מגאלאנטא** שליט"א, וועלכע האבן דארטן אויפ'ן פלאץ אויספלאנירט און אוועקגעשטעלט די בעסטע מהודר'דיגסטע סדרי השחיטה והבדיקה.

שטייענדיג ביי די ענדע פון די זומער חדשים, איז גלייכצייטיג פארגעקומען א וויכטיגע אסיפה אין שטוב פונעם סערדעהאל'ער רב שליט"א אין נייטרא, מאונט קיסקא, וואו די "**בי"ד המיוחד לעניני כשרות**" ה"ה הגה"צ רבי **אברהם יהושע העשיל ביק** שליט"א, אבד"ק **מעזיבוזש**, הגה"צ רבי **הילל ווייגבערגער** שליט"א אבד"ק **סערדאהעלי**-דומ"ץ **נייטרא**, אין הגה"צ רבי **יצחק אייזיק מנחם אייכנשטיין** שליט"א האדמו"ר **מגאלאנטא**, האבן עטליכע שעה דן געווען בכובד ראש, אויף ענינים העומדים על הפרק בשדה הכשרות, און ספעציעל אויף דעם ענין פון די נייע שחיטה, וואס מען האט אויסגעארבעט אינאיינעם מיט די מומחים פון "נועם גלאט פלייש".



די אסיפה פונעם בי"ד המיוחד לעניני כשרות בבית הגה"צ אבד"ק סערדאהעלי שליט"א

# די געוואלדיגע הידורים אינעם בית השחיטה אין אורוגוואי:

חפץ ה' בידינו הצליח אהערצושטעלן דאס סאמע בעסטע אין די בשר בהמה אינדוסטריע. מיט געקליבענע שוחטים ובודקים, א הערליכע פלענט און מערסטע פארגעשריטענע מאשינעריי, ערפארענע טעכנישע און מעדיצינישע ארבעטער, מיט א ריינקייט און קוואליטעט אין אלע געביטן.

די 'שחיטה מונחת' למהדרין מן המהדרין, ווערט דורכגעפירט דורך א שטאב פון היימישע שוחטים וותיקים פון ניו יארק, און בודקי פנים און בודקי חוץ, וואס שטעלן צו די כשרות אויפ'ן שענסטן אופן.

מטעם די בית השחיטה מאכט מען זיכער אז די עוסקים במלאכת הקודש זענען הונדערט פראצענט באקוועם און מסודר אין די דירות וואס זיי האבן דארט ספעציעל אוועקגעשטעלט אויף א רואיגן פארנעם נישט צו שחט'ן צופיל א שעה, כדי נישט איבערצושטרענגן די חשובע שוחטים, אזוי אז יעדע שחיטה זאל טאקע זיין אויפ'ן העכסטן הידור.

מיט יעדע דעלעגאציע פון שוחטים ובודקים, קומט מיט באזונדער א בודק סכינים, וואס איז בודק דורכאויס די גאנצע צייט די חלפים אינעם באזונדערן צימער, וואס איז געאייגענט פאר חלפים. אויסער די שוחטים ומומחים מפורסמים וואס קומען פון ניו יארק, איז פאראן א שטאב פון בודקים און משגיחים חשובים, חסידים ואנשי מעשה מחשובי הקהלה פון הגה"צ רבי קלמן **אליעזר עקשטיין**, אבד"ק **באונעס איירעס** זצ"ל, פון די נאנטע ארגענטינע.

## כשר'ן דאס פלייש:

אויך די נאכפאלגענדע וויכטיגע עניני כשרות, ווי: בדיקת הריאה, ניקור, מליחה והדחה, ווערט דורכגעפירט מיט א געוואלדיגע אחריות און זהירות.

א ספעציעלע הידור איז פאראן, אז מען שניידט אוועק אלע חלקים פון די בהמה, וואו עס קען שייך זיין א חשש חֵלֶב, צו פארזיכערן אז עס איז בכלל נישט פאראן קיין חשש רחוק פון חֵלֶב. ווי אויך נעמט מען גענצליך ארויס די גידי דם, אזוי אז עס זאל נישט זיין קיין שום חששות פון חלב ודם.

## מליחה כהלכתה:

ביים פראצעדור פון מליחה, איז עקסטער געשטעלט משגיחים מיוחדים, וואס שטייען על המשמר, אז יעדע שטיקל פלייש זאל ווערן געווייקט און געזאלצן, דערנאך אפגעשווענקט כדת וכדין, דאן ווערן זיי געזיגלט בטבעת המלך, מאן מלכי רבנן, פונעם **"בי"ד המיוחד לעניני כשרות"**.

## בדיקת הכרסים:

אין די דרום אמעריקאנער לענדער, איז פאראן אן אייגנארטיגע אישו, פון נידל'ס אין די בהמות, מונע צו זיין געז ביים מאָגן פון די בהמה, דעריבער פאדערט זיך אז מען זאל מיט א גרויס זהירות בודק זיין די כרסים פון די בהמות.

אין "נועם גלאט פלייש" האט מען נישט אנגענומען קיין שום קולות, אדער עצות וואס זענען נישט בשלימות, נאר מען איז געגאנגען מיט די שטארקסטע חומרא, צו האבן א באזונדערע שטאב וואס איז חוקר ודורש יעדע כרס. א שטרענגע סיסטעם איז אוועקגעשטעלט געווארן דורך וועלט בארימטע מומחים אין דעם געביט, ווי יעדע כרס ווערט אויסגעוואשן און גיט באקוקט, מען נעמט נאר אן די בעסטע און כשר'סטע.

## די בעסטע און כשר'סטע וואס שייך!

די קאמבינאציע פון די ענערגישע עקספערטיז, און קלארע סדר פון די נייע שחיטה דורך "**נועם גלאט פלייש**", א בית השחיטה, רואיג און זויבער, מיט די מאקיסמום הרחבת הדעת פאר די שוחטים, די חשוב'ע היימישע שוחטים ובודקים, מיט די שטרענגע השגחה פון די רבנים הגאונים "בי"ד המיוחד לעניני כשרות", וואס איז נישט מוותר אויף קיין חשש קל, און פאדערט די סאמע מהודר'דיגסטע, שטעלט אהער א פראדוקט, וואס איז בשלימות'דיג גרייט ארויפצוגיין על שלחן מלכים, פון אידישע קינדער בני מלכים, אויפ'ן יום טוב טיש, ויאכלו ענוים וישבעו.

**הרבנים הגאונים הצדיקים שליט"א חברי "בי"ד המיוחד לעניני כשרות" ביים מפקח זיין אויף די שחיטה**



מליחת הבשר



בדיקת כרסים



בדיקת הריאה



ניקור



הגה"צ אבד"ק סערדאהעלי שליט"א איז בודק א חלף



מליחה כהלכתה



בודק די חותמות



כ"ק אדמו"ר מגאלאנטא שליט"א איז בודק א חלף

# סוחרי אתרוגים

## שיש להם הכשר מבי"ד המיוחד לעניני כשרות





התאחדות הרבנים דארה"ב וקנדא
CENTRAL RABBINICAL CONGRESS OF THE U.S.A. AND CANADA
Kashrus Division
בי"ד המיוחד לעניני כשרות

בס"ד

**השגחת הבי"ד על אתרוגי "יאנאווע - ומאראקא"**
לחג הסוכות שנת תשע"ז לפ"ק

זה רבות בשנים שנסדר ע"י הב"ד שלפנינו, מרנן ורבנן הגאונים הצדיקים האבד"ק וואידיסלב והאבד"ק טארטיקוב זצללה"ה, סדר השגחה על האתרוגים הגדלים במחוז 'קאלאבריע' שבמדינת איטאליע המכונים בשם 'אתרוגי יאנאווע', וכן סדר השגחה על האתרוגים במדינת מאראקא המכונים בשם 'אתרוגי מאראקא'.

אנו חתומי מטה ממשיכים בס"ד בדרכם ועושים כמעשיהם, אחרי שנוכחנו לדעת כי ההשגחה היא הכרחית וצורך גדול, ומבלי זה בקל יכולים להכשל בלקיחת אתרוגים מורכבים, והתברר בכל פעם, שאפילו אם הסוחר בעצמו הוא בקי ומומחה, וגם יש לו העדאה על מהימנותו, מ"מ נחוץ שבעת קטיפת האתרוגים יהי' אתו איש מיוחד שתפקידו הוא להשגיח על כשרות האתרוגים, כי בישיבות הב"ד שהתקיימו, הופיעו בפנינו אנשים נאמנים והעידו, שסוחרים חרדים אשר אתרוגיהם נקטפו בלי השגחה, לקחו (בלא יודעים) כמות גדולה מאתרוגים מורכבים.

גם השתא קיץ שנת תשע"ו לפ"ק, שלחנו לשם משגיחים חרוצים יראי ה' בקיאים ומומחים במלאכתם מלאכת הקודש, שעשאו את שליחותם במסירות נאמנה למלא את הוראותינו לכל פרטיהן ודקדוקיהן, וכל אתרוג ואתרוג נקטף בנוכחות המשגיח, רק לאחר שבדק במו ידיו וראה בעיניו בעיון הדק היטב את האילן שרשיו וענפיו, ע"פ סימנים מובהקים הידועים לנו וכפי שמסרו חקלאים שהתמחו במקצוע זה.

ומבואר בישועות יעקב [בתשו' שבסו"ס תרמ"ח], וז"ל: ישראל קדושים ונהגו איסור שלא ליקח אתרוג מבלי הכשר מבד"צ ואין ראוי להתיר רק בשעת הדחק עכ"ל.

ובמכתב קדשו של מרן הכתב סופר זי"ע משנת תר"ח לפ"ק, כ' וז"ל: "והמהדרים מן המהדרים טרחו להמציא להם אתרוגי יענעווער, ולא שכיחי פה, וגם לאאמו"ו [החתם סופר] זצ"ל לא הי' לו בכל שנה, וכן אני עושה אחריו עד היום וכו', וזאת לדעת כי כולם לא נטלו רק בהכשר כראוי בכל שנה ושנה" עכל"ק.

לכן כל הירא וחרד לדבר ה' הרוצה לקיים מצות ארבעת המינים כתיקונם, ויהא לבו נכון ובטוח שמברך על אתרוג שאינו מורכב, יזהר לקנות אתרוגי 'אנעווע', ואתרוגי 'מאראקא' שנלקט בהשגחתינו המעולה.

יום ב' לסדר כי תבא, ט"ז לחודש אלול תשע"ו לפ"ק. בברכת כתיבה וחתימה טובה, וחגים וזמנים לששון..

נאום: **אברהם יהושע העשל ביק**
אבד"ק מעזיבוזש

נאום: **הילל וויינבערגער**
אבד"ק סערדאהעלי - דומ"ץ נייטרא

נאום: **יצחק אייזיק מנחם אייכ...**
אבד"ק גאלאנטא



התאחדות הרבנים דארה"ב וקנדא
CENTRAL RABBINICAL CONGRESS OF THE U.S.A. AND CANADA
Kashrus Division
בי"ד המיוחד לעניני כשרות

בס"ד

**כשרות אתרוגי מאראקא בלי פטמאות**

בישיבת הב"ד שהתקיימה היום, נו"נ אודות אתרוגי מאראקא שיש הרבה שאין עליהם פטמאות, והוחלט להודיע בשער בת רבים שאין בהם שום חשש וריעותא, משום שהפטמאות נפלו מהאתרוגים בעודם על האילן כשהם קטנים מאוד, וגדלו כך אח"ז, וזה דרךברייתן וגידולן מאז ומקדם כפי שנוכחנו בזה הרבה פעמים , וראויים הם לברכה לכתחלה בלא פקפוק, כמבואר ברמ"א סי' תרמ"ח ס"ז בשם הרא"ש.

ג' נצו"י, כ"ג לחודש אלול תשס"ה לפ"ק.

נאום: **אברהם יהושע העשל ביק**
אבד"ק מעזיבוזש
נאום: **הילל וויינבערגער**
אבד"ק סערדאהעלי - דומ"ץ נייטרא
נאום: **יצחק אייזיק מנחם אייכענשטיין**
אבד"ק גאלאנטא

בי"ד המיוחד לעניני כשרות - דהתאחדות הרבנים דארה"ב וקנדא - שע"י

## אתרוגי יאנאווע

- הר"ר **אלי' הערשקאוויטש** נ"י (יופי)
- בני וחתני הרב **אברהם לויפער** שליט"א הרב מדאראג
  - הר"ר **משה בעריש לויפער** נ"י (מאנטרעאל)
  - הר"ר **זלמן לויפער** נ"י
  - הר"ר **יואל** ברא"צ הלוי **יאזשעף** נ"י
  - הר"ר **שמעון יעקב משה עהרנרייך** נ"י
- הר"ר **דוד שלמה עקשטיין** נ"י ושותפו ר' **יואל לעווי** נ"י
- הר"ר **הערשל מאנן** נ"י
- הרב **יוסף צבי לויפער** שליט"א והמשפחה
- הרב **יחזקאל הורוויץ** שליט"א האדמו"ר מבייטש
  - בנו הר"ר **שמואל ארי' הורוויץ** נ"י (לאנדאן)
  - ר' **יהושע** ור' **שלמה ווידער** נ"י
  - הר"ר **מנחם מענדל פאנעט** נ"י
  - הר"ר **דוד יצחק וויינבערגער** נ"י
- הר"ר **יעקב יצחק קארפען** נ"י
- ר' **ישראל הכהן שווארץ** נ"י ובנו ר' **חיים יצחק** נ"י
  - הר"ר **יעקב יאקאבאוויטש** נ"י (בארא פארק)
  - הרב **ראובן מטוסאף** נ"י (פאריז)
  - ר' **מנחם מענדל לאסרי** נ"י (פאריז)
  - ר' **שמעון** ור' **יצחק באדוש** נ"י (וויליאמסבורג)
  - ר' **בצלאל יקונט** נ"י (ארץ ישראל)
  - ר' **יוסף ראסקין** נ"י (קראון הייטס)
  - ר' **אליעזר שפירא** נ"י (קראון הייטס)
  - ר' **שמואל יצחק קאהן** נ"י (לאנדאן)
  - ר' **מנחם מענדל קאהן** נ"י (וויליאמסבורג)
- ר' **אברהם יצחק פלאהר** נ"י
- ר' **יואל זיגעלמאן** נ"י
- ר' **לוי זרחי** נ"י
- ר' **אליעזר ראדאל** נ"י
- ר' **חיים דהאן** נ"י

## אתרוגי מאראקא

- ר' **ישראל הכהן שווארץ** נ"י ובנו ר' **חיים יצחק** נ"י
  - ר' **שמעון** ור' **יצחק באדוש** נ"י (וויליאמסבורג)
  - ר' **מימון באדוש** נ"י (פלעטבוש)
- ר' **שלמה בן ששון** נ"י (מאנטרעאל)
- ר' **משה מאשהאד** נ"י (גן עדן - מאנטרעאל)
- ר' **חיים דהאן** נ"י
- הר"ר **אלי' הערשקאוויטש** נ"י (יופי)
- ר' **ש. חדאד** נ"י (מאנטרעאל)
- הר"ר **דוד שלמה עקשטיין** נ"י ושותפו ר' **יואל לעווי** נ"י
- ר' **יואל זיגעלמאן** נ"י



# א גרוס פון איטאליע

יהא רעוא דתשר"י על עמי'. אט דערנטערט זיך דער "ירח האתנים", חודש תשרי דתקיפי במצות, דערמיט אויך די מצוה חביבה פון נטילת ד' מינים אין די סוכות טעג הבאים לקראתינו לשלום. וואכן בעפאר זענען שוין אידן עוסק אין די הכנה פון די מצוה, מען איז מהדר צו קלויבן און קויפן פון דאס שענסטע און בעסטע, מען לאזט זיך קאסטן אויף די הידורי המצוה.

אויך פיל איידער דער "ימים טובים" סעזאן שפירט זיך אין די לופטן, איז שוין דער "מחלקת הכשרות שע"י התאחדות הרבנים", פולשטענדיג איינגעשפאנט אין דער עבודת הקודש, צו באגלייטן די פראדוקציע פון די ד' מינים אויף מערערע טיילן פון דער וועלט. דער "בי"ד המיוחד לעניני כשרות" גיט טאקע איר השגחה מעולה פאר מערערע סוחרי אתרוגי יאנעווע, אתרוגי מאראקא, לולבים, און הדסים, צו פארזיכערן אז אידן זאלן קענען מקיים זיין די מצות ה' בשלימות ובהידור ככל משפטה וחוקתה.

יעצט בהאי שעתא דקא גרים, האט די מערכת "הכשרות" זיך פארשטענדיגט מיט איינעם פון אונזערע חשוב'ע לאנגיעריגע משגיחי הכשרות, מיט פילע יארן ערפארונג און ידיעה, וועלכער האט זיך מיט איינִיגע וואכן צוריק אומגעקערט פון די ווייטע איטאליע, וואו ער האט געוויילט דורכאויס די זומער וואכן, צו באגלייטן פון דער נאנט די וואוקס און שניט פון די פרדסים וואס פראדוצירן דעם באקאנטן "יאנאווע אתרוג", אדער ווי גערופן אין די פריערדיגע תשובות ספרים "קאלאבריא אתרוג".

אינעם לויף פון דעם שמועס, הערן מיר פונעם משגיח הי"ו מערערע אינטערסאנטע פאקטן און מערקווירדיגע אינפארמאציע איבער דעם גאנצן סדר פון פלאנצן, וואקסן, און שניידן די אתרוגים, באַרייכערט מיט הלכה'דיגע ידיעות און מראי מקומות, וואס וועט זיין העכסט – אינפארמאטיוו פאר אידן מדקדקים. לייענט און האט הנאה.

## צום אלעם ערשט, פותחין בכבוד האכסני'... אז מען רעדט פון יאנעווע אתרוגים; וואס איז די מסורה און קבלה אויף די אתרוגים אין יענעם געגנט?

ס'איז באקאנט די ווערטער וואס עס שרייבט דער הייליגער חתם סופר אין די תשובה או"ח סימן ר"ז אז מן הדין, איז דער דין פון אן אתרוג אזוי ווי אן עוף טהור וואס מען עסט דורך מסורה, די אתרוגים וועלכע קומען פון יאנאווא, האבן מיר א "**מסורת בידנו מאבות אבותינו ורבותינו חכמי הצרפתים אשר מעולם יושבי מדינת אשכנז**", אז זיי האבן יוצא געווען ידי חובת מצות ד' מינים מיט אתרוגים פון יאנאווא.

אזוי שרייבט ער אויך אין קובץ תשובות להחת"ס סימן כ"ה, אז די סימנים פון אתרוגים זענען נישט קיין דאורייתא אדער דרבנן. **וכל דבר שאין לו סימן דאורייתא נאכל במסורת, ע"כ הבאים ממדינת יאנאווא שמסורת ביד אנשי אשכנז מימי חכמי הצרפתים ורבינו תם וסייעתו, שלא בא לידם אלא מאותה מדינה, הם מוחזקים במסורת.**

ענליך איז מאריך דער אייניקל פונעם חתם סופר, הגאון בעל התעוררות תשובה ז"ל, אין זיין ספר סי' תל"ד, משמו פון זיין זיידן איבער דאס חשיבות פון יאנאווע אתרוגים, וואס איז נאך באנוצט געווארן דורך די ראשונים כמלאכים, די בעלי התו' וואס האבן געהאט די ריכטיגע מסורה.

מערקווירדיג צו דערמאנען א קבלה וואס דער מהרש"ב פון ליובאוויטש ז"ל, פלעגט נאכזאגן בשם דעם בעל התניא זי"ע, אז ווען דער אויבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו ולקחתם לכם פרי עץ הדר וכו', האבן אידן ארויפגעזעצט שלוחים אויף א וואלקן צו ברענגען אתרוגים פון "קאלאבריע, איטאליע"...

## לאמיר אנהויבן פון אל"ף. וויאזוי וואקסט דער אתרוג בוים, און ווען שפראצן ארויס די אתרוגים?

דער אתרוג בוים האט א ספעציעלע סארט וועג, וויאזוי דאס ווערט איינגעזייט. דאס זייעט מען נישט איין מיט קערענדלעך, נאר עס ווערט איינגעפלאנצט דורך

א צווייג פון אן אנדערן אתרוג בוים. די צווייג ברויך זיין כאטש צוויי יאר אלט, וואס מען קען וויסן פון די רינגען אינעם האָלץ פון די צווייג. אויב די צווייג האט שוין צוויי רינגען און א קנאָפּ אויף ארויס, דאן איז דאס שוין ראוי צו וואקסן דערפון א נייעם אתרוג בוים.

די ערשטע צוויי יאר נאכ'ן איינפלאנצן דעם קליינעם בוים, וואקסט דאס מיט די בלעטער אין א ספּעציעלע גרין האוז, וואו מען באגלייט יעדע ביימל באזונדער. הערשט נאך צוויי און א האלב יאר, שטעלט מען דאס ארויס אינעם גרויסן פעלד. דאן געדויערט נאך אומגעפער צווישן צוויי און א האלב און דריי יאר, ביז דאס ביימל הייבט הערשט אן ארויסצוגעבן פירות.

אן אתרוג בוים לעבט בדרך כלל נישט מער ווי ארום 15 יאר. דערפון פאלט אוועק די ערשטע 5 יאר, ווען עס גיט בכלל נישט ארויס די פירות, די קומענדיגע 2 יאר, אזוי אויך די לעצטע 2 יאר, ווען די בוים איז שוין עלטער, זענען די פירות נישט ראוי צו נוצן פאר די מצות ד' מינים. בסך הכל בלייבט איבער בלויז 7 יאר, וואס מען קען געניסן פון דעם בוים, און שניידן אתרוגים פאר אידן. (דאס איז אויך די סיבה פארוואס די פארמערס זוכן מרכיב צו זיין, צוליב דעם וואס א מורכב'דיגע בוים האלט זיך עטוואס לענגער).

דורכאויס איר וואוקס, דארף די אתרוג בוים האבן זייער אסאך וואסער, די סיבה דערצו איז, ווייל אנדערש ווי געוועגליכע ביימער, וואס די ווארצלען וואקסן אראפ אונטן טיף אין דער ערד, וואו זיי שעפן וואסער, טוט ביי אן אתרוג בוים וואקסן די ווארצלען צו די זייטן פונעם בוים, די שרשים בלייבן אויבן, און גייען נישט אראפ טיף אין דער ערד. דעריבער פעלט זיך אויס אסאך וואסער וואס זאלן באוואסערן, און האלטן פייכט די ווארצלען, דאס איז אויך איינע פון די סיבות פארוואס אן אתרוג בוים לעבט בלויז ארום 15 יאר, וואס איז ווינציגער ווי אנדערע פרוכט ביימער.

אין איטאליע רעגנט נישט במשך דעם זומער, האבן דעריבער די פאַרמער אויסגעארבעט א פאטענט, וויאזוי צו באוואסערן די אתרוגים ביימער אויף אן אופן, וואס זאל האלטן פייכט די שרשים פונקט וויפיל עס באדארף.

- **דער אתרוג הייבט אן וואקסן:**

ווען דער בוים הייבט אן ארויסגעבן פירות, שפּראָצן ארויס א צאל ראזע בלומען, וואס ווערן ענדגילטיג פארוואנדלט אין אתרוגים. מערסטנס פון די בלומען פאלן אראפ עס בלייבט בלויז א קליינע צאל. נאך עטליכע טעג באקומען די בלומען א געלן קאליר און עס הייבט זיך אן אויפמאכן. די מיטלסטע בלעטל ווערט דער פיטום, די אתרוג הייבט אן צו וואקסן פונעם פיטום אויפ'ן צווייג, ארומגענומען מיט'ן שושנתא און דעם דד, אזוי וואקסט די גאנצע פרי ארויס, באהאפטן אויפ'ן בוים דורך א שטיקל וואס ווערט שפעטער דער עוקץ.

- **דער פיטום:**

מערסטנס מאל פאלט די פיטום אראפ, ווען דער אתרוג איז נאך זייער קליין, צוליב די שוואכקייט פונעם פיטום. אנדערע פאלן אראפ אביסל שפעטער בשעת דעם וואוקס, בלויז די גאר שטארקע פטמאות בלייבן אויפ'ן פרי ביז די שניט. [אין משנה ברורה ס"ק ל"ב איז מבואר, אז אויב דער פיטום פאלט אראפ בשעת'ן וואקסן, און עס איז פארבליבן א סימן דערויף, דאן איז עס כשר און אויסגעהאלטן. וכן מבואר בשבלי הלקט סי' ש"ס, ובשו"ת רדב"ז ח"ד סי' קי"א].

לעצטנס האט מען אבער ערפינדן פארשידענע אופנים, וויאזוי צו שטארקן די פיטמאות, נאך ווען ס'איז א בלום, עס זאל האבן די כח צו בלייבן וואקסן אינאיינעם מיט'ן אתרוג, און נישט אראפפאלן. דערפאר איז טאקע היינט צוטאגס דא צובאקומען פיל מער אתרוגים מיט פטמאות, ווי אין די פארגאנגענהייט.

- **בלאט פלעק:**

דער אתרוג איז ארומגענומען מיט אנדערע בלעטער און צווייגן, עס מאכט זיך אפט אז די ווינטן בלאזן, און דער אתרוג קלאפט זיך אריין אין א שפּיציגן צווייגל, צי א דאָרן, וואס קראצט אפ א שטיקל פונעם אתרוג. מיט דער צייט ווען דער קראץ ווערט פארהיילט, ווערט דאס אנגערופן "בלאט פלעק".



- **שווארצע פינטעלעך:**

די פארמער האבן זייער מורא פון ווערים, ווייל אויב כאפן זיי זיך אריין אין א פעלד, איז דאס גאנצע פעלד א פארטיגע. זיי שפריצן דעריבער א סארט pesticide וואס פארמיידט די ווערים. עס איז אן אפטע ערשיינונג אז עס פארבלייבט א משהו פון די קעמיקאלן וואס מען שפריצט דערויף, צוליב די היצן פון די זון באקט זיך דאס אריין אין די הויט פונעם אתרוג, און עס פארמירט קליינע שווארצע פינטעלעך. וואס האט איבערהויפט נישט קיין שייכות מיט'ן אתרוג גופא, און איז בעצם כשר לכתחלה. פארט איז במציאות זייער שווער קובע צו זיין אויף א שווארץ פינטל, צי דאס איז פונעם אתרוג גופא - וואס איז א שאלה מעיקר הדין, אדער פון די כעמיקאלן - וועלכע זענען נישט קיין שום פראבלעם. בלויז א ריכטיגער אתרוגים מומחה, וועט וויסן דאס מבחין צו זיין.

בכלליות וואקסט ארויס פונעם בוים דריי מאל פירות במשך דעם יאר. די ערשטע און א חלק פון די צווייטע זענען בעיקר די א.ג. "אתרוגי חב"ד", א חלק פון די צווייטע ווי אויך די דריטע שניט זענען די אתרוגים מובחרים וואס מיר נוצן געווענליך.

דער תמצית היוצא פון דעם שמועס, איז דער מציאות, אז אן אתרוג בוים וואקסט נישט "פון זיך זעלבסט", דאס דארף מען פלעגן און באארבעטן דורכאויס די גאנצע צייט, אויב מען לאזט דאס נאך, וועט נישט וואקסן קיין געהעריגע פירות דערויף. דערפאר פאדערט זיך באזונדער א השגחה מעולה דורך משגיחים יראי ה', צוליב דעם וואס אן אתרוג בוים מוז ווערן געפלעגט און באארבעט דורך מענטשליכע הענט, דורכאויס די צייט פון איר וואוקס. אנדערש ווי ביי אנדערע פרוכט, איז נישט פארהאן במציאות אז אן אתרוג בוים זאל וואקסן אויטאמאטיש און ארויסגעבן געהעריגע פירות אן דעם וואס מען זאל דאס באגלייטן.

דעריבער דארף מען טאקע האבן א געוואלדיגע זהירות אויף טריט און שריט, באגלייט מיט סייעתא דשמיא צו פארמיידן הרכבה און אנדערע פראבלעמען וואס קענען אונטערקומען. איבערהויפט אז מערערע גוי'אישע פעלד אייגנטומער וועלן פרובירן צו פּאָפן ווי ווייט מעגליך, עס פאדערט זיך אסאך יראת שמים, תקיפות, פראקטישע קענטעניסן און דקדוק הלכה, צו פארזיכערן אתרוגים כשרים למהדרין פאר אידישע קינדער אויף סוכות.

## מען האט דערמאנט אתרוגים מורכבים. וואלט כדאי געווען צו הערן אן איבערבליק אויף דעם איסור, אירע טעמים און הלכות?

דער מושג פון הרכבה ווערט נאך דערמאנט אין די תורה הק', ווי דער רמב"ם שרייבט (הלכות כלאים פ"א ה"ה) "כלאי האילנות הרי הם בכלל מה שנאמר "שדך לא תזרע כלאים". כיצד? - המרכיב אילן באילן, כגון שהרכיב יחור של תפוח באתרוג או אתרוג בתפוח - הרי זה לוקה מן התורה בכל מקום, בין בארץ בין בחוצה לארץ. וכן המרכיב ירק באילן או אילן בירק - לוקה בכל מקום".

**להלכה ווערט גע'פסק'נט אז מען טאר נישט יוצא זיין מיט א מורכב'דיגע אתרוג, אויך נישט בשעת הדחק** (שו"ע הרב תרמ"ח סעיף ל"א ומשנ"ב ס"ק ס"ה). און די טעמי האיסור זענען פארשידנארטיג, מבואר בספרי הפוסקים: 1) עס האט נישט דעם דין אתרוג, ווייל א מורכב הייסט נישט קיין אתרוג, עס איז א געוואוקס פון צוויי סארטביימער. (תשובת רמ"א קיז; מ"א תרמ"ח, כג; שבות יעקב לו; חזו"א כלאים ג, ז). 2) וויבאלד ס'איז געטון געווארן דערמיט אן עבירה (לבוש או"ח תרמט, ד). 3) ווייל ס'איז א חסר, די חלק פון די אתרוג וואס איז געוואקסן מיט די הילף פון דעם אנדערן מין בוים הייסט א חסר. ואף בשאר הימים שחסר כשר, המורכב פסול, כי שיעורו כביצה ואולי חסר בו שיעור (מהר"ם אלשיך; ט"ז תרמ"ט ד). 4) אין טעם עצו ופריו שווה (כפות תמרים סוכה לה; והסכים לכך בחת"ס סימן רז). 5) בל תוסיף (חלקת יואב סימן לב). 6) פרי אחד אמר רחמנא ולא שנים (נפש חיה, בכורי שלמה או"ח ז-ח). 7) החלק שצמח מהעץ השני חוצץ בין ידו לאתרוג (בכורי שלמה שם בשם הגאון רבי מרדכי גימפל יפה).

אין די פוסקים איז פארהאן א דיעה אז די "בני המורכב" דאס הייסט אתרוגים וואס זענען איינגעפלאנצט געווארן פון מורכב'דיגע אתרוגים, איז שוין נישט אסור ( עי' שו"ת בית אפרים או"ח סי' נ"ו). אבער להלכה זענען מיר מדקדק אז עס זאל יא זיין בחזקת בלתי מורכב ביז ארויף, ווי עס שרייבט הגאון בעל 'גט מקושר' (בתשובתו המובאת בשו"ת בגדי ישע סימן טז אות כג) די מליצה: "אפילו יצאו ממורכבים מאלף שנים קדמוניות "**תולדותיהם כיוצא בהם, וגם דור עשירי לא יבא להם בקהל ה' עד עולם**". וכ"כ בשו"ת חמדת שלמה (או"ח סי' לז); הגרש"ק (שו"ת שנות חיים דף עז ע"ד); שו"ת נפש חיה (או"ח סו"ס ב); שו"ת מהרא"ל צינץ (סימן ו); שו"ת לב חיים (ב, קכא, דף פב ע"ג למעלה); הגר"ש סאלאנט (במכתבו לר' יצחק אלחנן מקאוונא; מובא בארבעת המינים השלם עמ' קצד). **איז דעריבער פארשטענדליך אז מען דארף באגלייטן דעם גאנצן פראצעדור צו זיין הונדערט פראצענט פארזיכערט אז יעדע אתרוג איז בחזקת בלתי מורכב כלל.**

אין די פוסקים ווערט גראדע דערמאנט פארשידענע סימנים וואו מען קען זען דעם חילוק צווישן אן "אתרוג מורכב" און אן "אינו מורכב" (עי' בתשובת הרמ"א קכ"ו בשם דעם מהר"ם מפאדווא וואס האט געוואוינט אין איטאליע, ובשבות יעקב ח"א סי' ל"ו). אבער ווי דער חתם סופר שרייבט שוין אין די אויבנדערמאנטע תשובה (או"ח סי' ר"ז ובסימן קפ"ג), איז די אלע סימנים נישט צופיל מאנסגעבנד. אין לויף פון די יארן האבן די פארמער אויסגעטראפן פארשידענע סארט אופנים פון הרכבה וואס טוישט נישט די סימנים (כן מבואר בתורת חסד או"ח סי' ל"ד), **דעריבער דארף מען מדקדק זיין, סיי אויף א מסורה'דיגע מקום און אודאי נזהר זיין מיט א שמירה מעולה אז די אתרוגים זאלן נישט קומען לידי הרכבה.**

## וואס איז דער חשש הרכבה היינט צוטאגס, און וויאזוי פארמיידט מען דאס בעז"ה?

דער סדר פון מרכיב זיין, ביז נישט לאנג צוריק, פלעגט זיין בעיקר דורך אריינשטעלן אן אתרוג צווייג אין א לעמאן בוים צווייג, דורך א לעכל אדער אנדערע אופנים. דאס איז זיך שפעטער צוזאמגעוואקסן און געבליבן קענטיג א קניפ, ביי דעם ארט וואו מען האט מרכיב געווען די צוויי מינים, אזוי אז די הרכבה האט זיך אנגעזען שטענדיג אויפ'ן צווייג ביים שטאַם פון די בוים. *זעה בילד

מיט עטליכע יאר צוריק האבן די פארמער אויסגעטראפן א נייעם מהלך וויאזוי מרכיב צו זיין, אן דעם וואס עס זאל פארבלייבן "שפירן" פון די הרכבה. זיי שטעלן צוזאם צוויי צווייגן, נישט איינע "אין" די אנדערע, נאר


עס ווערן געפלאנצט פרישע אתרוג ביימער


די קליינע אינגע ביימעלעך


א אתרוג המורכב, וואס איז פסול אפי' בדיעבד


א מורכב בוים, אינמיטן טיילט דער אלטער און נייער צווייג


א אלטער מורכב מיט א גרויסן קניפ

איינע "קעגן איבער" די צווייטע, און מען לייגט ארום אזא סארט "באנד", וואס מאכט אז די צוויי צווייגן זאלן זיך צוביסלעך צוזאמען וואקסן. מיט דער צייט נעמט מען אראפ דעם באנד, אזוי אז די צווייג זעט אויס ווי אן ארגינעלע צווייג. אז עמיצער וואס האט נישט די מומחיות אין דעם פעלד פון הרכבה, קען ניטאמאל באמערקן אז די צווייג איז באארבעט געווארן, און דער בוים איז א מורכב.

בפרט עטליכע יאר שפעטער פון די הרכבה, וואקסט ארויף אויף די צווייגן אזא ווייסע "yeast", וואס ווערט אנטוויקלט פון די וואסער, וואס מען גיסט צו באוואסערן דעם בוים, און עס דעקט איבער די צווייג. פארשטענדליך איז דאס א געוואלדיגע פראבלעם, אויף וואס מען דארף זייער אכט געבן, אבער ווי געשמועסט זענען אונזערע משגיחים מומחים, ספעציעל געלערנט ווי אזוי דאס צו דערקענען, דורכ'ן אפקראצן די שאלעכטץ פונעם בוים, און גרונטליך באקוקן פון אינערווייניג צו עס איז נישט מורכב.

לאידך גיסא, האט דער נייער מהלך פון הרכבה אויך א שטיקל מעלה, צוליב דעם וואס ביים אלטן אופן, פלעגן די פארמער מאכן א בערגל פון זאמד, און איבערדעקן דעם מקום וואו זיי האבן מרכיב געווען אונטן פונעם בוים, זיי האבן געקענט צודעקן דעם קניפ אז מען זאל נישט כאפן דעם שווינדל. מיט דעם יעצטיגן אופן פון הרכבה איז דאס נישט שייך צו טון, היות די צווייגן זענען נישט אריינגעשטעקט איינע אין די צווייטע, נאר זענען באזונדער אפגעטיילט, קענען זיי זיך נישט ערלויבן דאס איבערצודעקן, ווייל די טבע פונעם אתרוג בוים איז, אז די "ווארצלן", די שרשי האילן, וואקסן אין די ברייט, נישט אין דער טיפעניש. אויב ווילן די פארמער איבערדעקן די צווייגן, ווילן די ווארצלן פון יעדע צווייג זיך צעשפרייטן אויף צוויי באזונדערע ריכטונגען, וואס וועט גורם זיין, אז עס זאל צוריק ווערן צוויי צווייגן, און דער אתרוג זאל וואקסן אויף די אייגענע כוחות, ומה הועילו בתקנתם.

**בקוצר אמרים:** די נייע סארט הרכבה, האט א תועלת, אז במשך די ערשטע עטליכע יאר פונעם בוים, קען מען פיל גרינגער אויפכאפן אויב דא איז געמאכט געווארן א הרכבה, אבער אין די שפעטערע יארן, ווען דער בוים איז שוין עלטער, עס זאמלט זיך אן די "yeast", איז זייער שווער צו באמערקן אויף די צווייגן אז דאס איז צאמגעוואקסן, היות עס האט נישט דעם "קניפ", וואס די אלטע אופן פון הרכבה האט איבערגעלאזט. די ארבעט פון די משגיחים, איז דעריבער צו האלטן אן אויג אויף די יונגע ביימער, און פארזיכערן אז אלעס וואקסט נאטורליך אן קיין צוגעלייגטע הרכבות, דאס זעלבע דארף מען האבן אויפכאפן און דערשפירן ביי די פעלדער אייגנטומער' אויב זיי האבן נישט קיין בייזוויליגע כונות' און האבן נישט געמאכט אינעם עבר קיין הרכבות.

מיט עטליכע יארן צוריק האבן מיר טאקע געהאט א געשיכטע מיט א גוי' וואס מען פלעגט ביי אים נעמען גרויסע קוואנטומס אתרוגים. יענעם יאר, האבן די משגיחים מיט זייער ספעציעלן "חוש", באלד געשפירט אז עפעס פרובירט ער צו באהאלטן. די אנווייזונגען פון הרבנים הגאוה"צ שליט"א לויטעט, אז אין אזא פאל, זאל מען פרובירן צו שמועסן און ארויסדערוויסן פונעם גוי 'כמסיח לפי תומו' א ווארט וואס קען קלאר שטעלן די סיטואציע. עס האט אבער ווייניג געהאלפן, דער גוי האט נישט צופיל גערעדט, און זיך ארויסגעדרייט.

מען האט אבער פארט געשפירט, אז ער זוכט עפעס צו באהאלטן, האט מען פרובירט א צווייטן מיטל. ווען די משגיחים האבן זיך ארומגעדרייט צווישן די שורות פון די אתרוגים ביימער, האט מען אים באטראכט, און ביי אן ארט וואו מען האט באמערקט אז ער ווערט אנגעצויגן, האט מען דארט אביסל געגראבן. איבריג צו זאגן, אז דער גוי איז ארויס פון די כלים, און נישט געלאזט. נאך א משא ומתן, האט ער מודה געווען, אז טייל ביימער אויף דעם פעלד, האט ער מרכיב געווען. מען האט טאקע ווייטער אנדעקט עטליכע פלעצער, וואו ער האט אויסגעמישט דעם פעלד מיט מורכב'דיגע ביימער.

בשעתו האבן די רבנים הגאוה"צ חברי "**בי"ד המיוחד לעניני כשרות**" שליט"א דן געווען איבער דעם פאל, די הכרעה איז געווען, אז מען זאל מער נישט אריבערטרעטן די פעלדער פון דעם גוי, ס'איז איתרע חזקתי', און מען קען אים מער נישט געטרויען.

עטליכע יאר דערויף איז א משגיח מטעם די "התאחדות הרבנים" פונקט אויסגעקומען דורכצוגיין יענעם אתרוגים פעלד, צו זיין איבערראשונג, זעט ער אז א סוחר, וואס פארקויפט אין עטליכע ניו יארקער געגנטער, שניידט דארט אתרוגים. ווען דער משגיח האט יענעם פארגעהאלטן, זאגנדיג אז עס איז נתברר געווארן אז אין דעם פעלד איז פאראן אתרוגים מורכבים, האט יענער אים "בארואיגט", אז ער איז א מומחה, וואס קען מבחין זיין צווישן א "מורכב" און אן "אינו מורכב", ער קלייבט בלויז פון די אינו "מורכבים".



נאך א אלטער סארט מורכב בוים



די הרכבה ווערט פארדעקט



א בדיקה אויב דער בוים איז מורכב



הגה"צ אבד"ק סערדאהעלי ביים באקוקן די הדסים



ביים באטראכטן די לולבים ביימער

דער משגיח האט אבער זייער ווי געטון, אז אזא מכשול זאל פאסירן, האט ער זיך שפעטער ביינאכט אריינגעכאפט אין דעם פעלד, אינאיינעם מיט א מומחה פון די איטאליענער אגריקולטער דעפארטמענט, (וואס ווערט באצאלט צו שטיין שטענדיג צו דער האנט פון אונזערע משגיחים, צו פעסטשטעלן דעם סטאטוס פון די פרדסים). דער מומחה האט באטראכט די אתרוגים, און באשטעטיגט אז דא איז געשניטן געווארן הונדערט פראצענטיגע פירות מורכבים. פארשטענדליך אז מיר האבן דאס געלאזט וויסן פאר יענעם סוחר צו מונע זיין אידן פון א מכשול.

אזא געשיכטע ברענגט צום אויבערפלאך, דאס געוואלדיגע נחיצות מקפיד צו זיין אויף א השגחה מעולה ביים שניידן די אתרוגים, מענטשן זענען אזוי מדקדק אויף די ענינים פון "פרי עץ הדר", אבער מען פארגעסט צומאל פון אזא וויכטיגן עיקר.

איידער מען האנדלט זיך איין די ד' מינים, מאכט זיכער, אז דער אתרוג איז באגלייט געווארן דורך א גוטע השגחה, צו פארזיכערן אז דאס איז בכלל כשר פאר די מצוה.

## איר האט פריער ערוועהנט אז אין די ספרי הפוסקים ווערט דערמאנט פארשידענע סימנים וואס איז מקובל צו וויסן אויב אן אתרוג איז מורכב?

ריכטיג, פארציייטנס האט מען בעיקר מרכיב געווען אתרוגים מיט לעמאן'ס. ווערט געברענגט אנגענומענע סימנים, צו דערקענען אויף אן אתרוג, אויב דאס איז מורכב געווארן מיט א לעמאן. פאלגענד זענען טייל פון זיי.

**א. די אינעווייניגסטע שאָלעכטץ פונעם אתרוג איז זייער א דיקע, אנדערש ווי א לעמאן וואס האט א דינערע שאָלעכטץ.**

**ב. אן אתרוג איז טעם עצו ופריו שוה, משא"כ א לעמאן.**

**ג. די קערענדלך פון אן אתרוג זענען שטייענדיג צו די לענג, די קערענדליך פון א לעמאן ליגן אין דער ברייט, אדער שיעף.**

**ד. אן אתרוג האט זייער ווייניג זאפט, אויב בכלל, אין א לעמאן איז דא אסאך זאפט.**

**ה. אן אתרוג איז נישט גלאט און האט שקיעות ובליטות, א לעמאן איז גלאט, און האט נישט שקיעות ובליטות.**

למעשה, האבן מיר שוין ציטירט די ווערטער פונעם הייליגן חתם סופר זי"ע, אז מען קען זיך נישט פארלאזן אויף די סימנים, וואס איז נישט מן התורה און נישט מדברנן, דער דין פון אן "אתרוג" איז דאס זעלבע ווי אן "עוף טהור", וואס מען עסט לויט די מסורה, נישט דורך סימנים.

פארט איז אינטערסאנט צו אויסשמועסן עטליכע פרטים איבער די סימנים.

דער סימן פון דיקע שאָלעכטץ, איז געווען גילטיג אמאל, ווען מען האט מרכיב געווען די אתרוגים מיט "לעמאן" צווייגן, די לעמאן פרוכט האט טאקע פיל א דינערע שאָלעכטץ, אבער היינט צוטאגס, איז מען בעיקר מרכיב מיט די פרוכט summer orange, וואס פארמאגט אויך א דיקן שאָלעכטץ, אזוי אז דער סימן איז לכאורה נישט גילטיג.

דאס זעלבע לגבי דער סימן פון "טעם עצו ופריו שוה", איז שווער צו אנציגן, סיי וועלכער באוויז, ווייל די היינטיגע אופן פון הרכבה איז אויסגעשטעלט, אז דער אראנדזש טוט בלויז אריינגעבן א שטארקייט אין דעם בוים, און די טעם עצו ופריו קען אפילו פארבלייבן שוה. פארט קען א מומחה יא כאפן א שטיקל חילוק, די בלעטער זעהן אויס א משהו אנדערש, און אויך די שמעק און די זאפט וואס קומט ארויס פונעם אתרוג זענען אנדערש.

לגבי די שטייענדיגע קערענדלעך. האב איך פערזענליך שוין געעפנט אומצאליגע הונדערטער אתרוגים פון אלע סארט אין אלע מקומות, און כמעט נישט געטראפן קיין קערענדלעך וואס ליגן אין דער ברייט. אזוי אז עס איז זייער שווער זיך צו פארלאזן דערויף היינט צוטאגס.

## איז פאראן א מעגליכקייט צו דערגיין אויב פירות זענען מורכבים דורך דאס אונטערזוכן אין לאבערטעריע?

עס זענען דא געוויסע סארט לאבערטעריע טעסטן, וואס מיט די היינטיגע פארגעשריטענע טעכנאלאגיע, קען מען דורך די. ען. עי. אונטערזוכן די אתרוג צו זען אויב דאס איז מורכב, אבער א געווענדליכע טעסט, מוז נישט זיין אז עס צייגט די ריכטיגע רעזולטאטן, צוליב דעם וואס זייער אפט מאכט זיך אז די "בינען" פירן אריבער די זאפט פון אנדערע פרוכט אין די בלעטער פונעם אתרוג בוים, אזוי אז די רעזולטאטן צייגן זייער אסאך מאל א געמיש פון אנדערע פירות, הגם די אתרוג איז הונדערט פראצענט נישט מורכב.

בדרך אגב, איז פאראן אן אינטערסאנטע שאלה בהלכה איבער דעם ענין. פארשידענע פארמערס וועלכע געוואלט משביח זיין זייערע פרדסים, זענען אויפגעקומען מיט אן המצאה, צו לאזן וואקסן לעמאןביימער, געגוג אפגערוקט פון די אתרוגים ביימער, אז עס זאל נישט זיין קיין שאלות פון הרכבה, אבער מען ברענגט גרויסע "קאנטעינערס" מיט הונדערטער בינען, וואס פירן שוין אריבער די "pollen" פון די אנדערע פירות ביימער צו די אתרוגים. דאס ווערט אנגערופן pollination, און מאכט אז די אתרוגים ביימער זאלן זיך האלטן לענגער און שטארקער.

מערערע פוסקי זמנינו האלטן אז דאס האט נישט דעם "דין מורכב". ווייל דער "מורכב" וואס מיר געפינען אין חז"ל איז דייקא ווען מען איז מרכיב א צווייג פון איין מין מיט א צווייג פון א צווייטן מין, וואס יעדע צווייג האט דעם כח צו וואקסן פאר זיך, אויב מען שטעלט דאס אריין אין דער ערד. דער איסור הרכבה איז נאר ווען מען איז מרכיב אזעלכע צווי מינים אינאיינעם, משא"כ אויב איינע פון די "מינים" קען נישט וואקסן אליין, א שטייגער ווי די שטויב פון די בלומען וואס די בינען ברענגען, איז נישט פאראן דערביי די איסור פון הרכבה. אנדערע לייגן צו אז דאס איז דאך דער נאטורליכער סדר הבריאה, אז בינען טראגן און ברענגען שטויב פון און צו די אתרוגים ביימער, אזוי אז דאס איז נישט נכלל בגדר "מורכב".

**רעדנדיג פון "מורכבים" איז וויכטיג צו באטאנען:**

מען הערט צומאל מענטשן זאגן בטעות אויף געוויסע מקומות, צי געוויסע פרדסים, אז זיי זענען בחזקת אינם מורכבים, ווייל די אתרוגים ביימער וואקסן דארט ווילד, אן הילף פון מענטשליכע ארבעט. דאס איז אבער פשוט נישט מעגליך במציאות. אן אתרוג בוים וואס ווערט נישט געהעריג באהאנדלעט ווערט אינגאנצן חרוב, און גיט נישט ארויס קיין פירות. איז דעריבער פארשטענדליך, אז דער מוכר מוז האבן א גוטע השגחה מעולה, וואס זאל פארזיכערן אז קיינער האט טאקע נישט ארומגעטשעפעט מיט די ביימער, ווען זיי האבן אנגעהויבן וואקסן.

עס קומט טאקע צומאל אויס, ווען מען שטויסט זיך אן אין אזעלכע גוי'אישע פעלד אייגנטומער, וועלכע פרובירן אויסצובאהאלטן דעם פאקט, אז זיי האבן מרכיב געווען ביימער, און ברוב סייעתא דשמיא האט מען שוין עטליכע מאל געכאפט אזעלכע "מורכבים" בעוד מועד, אדאנק די מומחיות פון די געטרייע משגיחים אויפ'ן פעלד.

## א דאנק אייך פאר'ן מיטטיילן די רייכע ידיעות און אינפארמאציע וועלכע וועט געוויס זיין א תועלת פאר'ן ציבור, ויתענגו בה ישרי לב.

האמת ניתן להאמר אז די סוגי' פון גידול והשגחה על האתרוגים, איז א פארצווייגטע נושא, פון וואס מען קען נאך רעדן און שרייבן פיל מער און ברייטער. מיר האבן נאר אנגערירט אייניגע כלליות'דיגע באגריפן, וואס איז כדאי צו האבן א ידיעה דערינען. זאלן מיר אלע האבן א פרייליכן יום טוב סוכות, ושמחתם לפני ה' אלקיכם שבעת ימים.

## א יישר כח, און א פרייליכן יום טוב.

די פאלגענדע געשעפטן און פירמע'ס
האבן זיך לעצטנס אנגעשלאסן
אונטער די השגחה פון:

**"בי"ד המיוחד לעניני כשרות**
**שע"י התאחדות הרבנים"**


**Art Chocolatier**
Fine Chocolates
Brooklyn, NY

**Duet Kosher Inc.**
Frozen Meat Products
838 39th Street • Brooklyn, NY 11232
(347) 750-6426

**Epic Culinary Distributers**
Fresh & Frozen
Fish & Sushi Products
Brooklyn, NY 11230
(718) 414-2526

**Famous Specialties**
Raw Dough Products
Island Park, NY 11558
(516) 889-9099

**Menachem's Dips**
Kugel's & Dips
Lakewood, NJ 08701
(732) 620-3060

**Nidam Gourmet**
Fruits, Salads & Juices
Brooklyn, NY
(212) 828-2000

**Noam Glatt Meats**
Glatt Kosher Meat
Birdsboro, PA
(610) 404-0001

**Pita Land**
Pizza Store
408 Route 59 • Airmont, NY 10952
(845) 368-1116

**Royal Fruit Garden**
Cut Up Fruits & Vegetables
Brooklyn, NY
(718) 889-0997

**Slim Delight**
Low Carb Diet
Queens, NY

**Univeral Frozen Food**
Frozen Meat Products
Brooklyn, NY


נ.ב. די געשעפטן און קאמפאני'ס
זענען אויך אציגנד אונטער די השגחה
פונעם "בי"ד המיוחד לעניני כשרות",
נאר ווען עס האט אויף זיך דעם
חותם הבי"ד. יאכלו ענוים וישבעו.

# כשרות אלערט:

**התאחדות הרבנים דארה"ב וקנדא**
CENTRAL RABBINICAL CONGRESS OF THE U.S.A. AND CANADA

Kashrus Division | בי"ד המיוחד לעניני כשרות

חברי הבי"ד
הרה"ג רבי אברהם יהושע העשיל ביק שליט"א
הרה"ג רבי הלל וויינבערגער שליט"א
הרה"ג רבי יצחק אייזיק מנחם אייכענשטיין שליט"א

הרב יחיאל יצחק סג"ל גליק
מנהל כללי וספרא דדינא

א' סליחות תשע"ו לפ"ק

## מודעה נחוצה

### בנוגע בעיבי סעלמאן פיש פון נארוועגיע

צום איצטיגן יו"ט סעזאן הערשט א מאנגל אין די בעבי סעלמאן פיש פון קאנאדא און טשילי, איבערדעם האבן די פיש סוחרים אריינגעברענגט די סארט פיש פון נארוועגיע.
ווי מיר האבן שוין מעורר געווען כמה פעמים בעבר, געפינען זיך דערויף לייז, Sea Lice, סיי אויף די הויט,אין סיי אינעווייניג אינעם פיש, וואס בלייבט דארט אפילו נאכ'ן וואשן.

**ביי די פיש געשעפטן וואס זענען אונטער אונזער השגחה, האבן מיר מחמת ההכרח ערלויבט אריינצוברענגן די פיש, און מיר שטייען על המשמר אז אלעס זאלן ווערן גרונטליך באקוקט דורך אונזערע משגיחים מומחים, צו פארזיכערן אז עס איז הונדערט פראצענט ריין בלי שום חשש תולעים.**

בברכת כוח"ט ושנת גאולה וישועה
**מחלקת הכשרות**

The seal of uncompromising Kashrus
85 Division Avenue Brooklyn, NY 11211 | Tel: 718.384.6765 | Fax: 718.486.5574

## מערכת גליון "הכשרות"
TEL: 718.412.8532
FAX: 718.486.5574
EMAIL: HAKASHRUS@GMAIL.COM

איינצושרייבן צו באקומען אונזער גליון אויף אימעיל
שיקט אריין צו די אויבנדערמאנטער אדרעס

## מחלקת הכשרות
שע"י התאחדות הרבנים דארצות הברית וקנדא

CENTRAL RABBINICAL
CONGRESS OF USA AND CANADA
85 DIVISION AVE. BROOKLYN,NY 11249

**TEL: 718.384.6765 | FAX: 718.486.5574**

Gedank Productions | 718.218.4583